OXFORD CENTRE FOR POSTGRADUATE HEBREW STUDIES
45 St Giles, Oxford OX1 3LW, England (0865) 511869

FROM THE FELLOW IN YIDDISH STUDIES

כ״ה טבֿת תשמ״ה / דעם 18טן יאַנואַר 1985

פּראָפֿ׳ שלמה בירנבוים
טאָראָנטאָ

טייערער און חשובֿער פּראָפֿ׳ בירנבוים,

וואָס מאַכט איר? שוין אַ שטיק צייט וואָס איך בין פֿאַרזאָרגט אַלמאַי כ׳האָב ניט באַקומען קיין ענטפֿער אויף מיינע לעצטע דריי אָדער פֿיר בריוו. איך האָף אַז דאָס איצטיקע בריוול געפֿינט אייך געזונט און שטאַרק.

איך שרייב וועגן אָט וואָס: דער אָקספֿאָרדער צענטער האָט באַשלאָסן איינאָרדענען אַ יערלעכע סעריע סימפּאָזיומס איבער דער יידישער לינגוויסטיק. דער ערשטער סימפּאָזיום וועט אי״ה אָפּגעהאַלטן ווערן מאָנטיק און דינסטיק דעם 16טן און 17טן דעצעמבער 1985 איבער דער טעמע: דער בראשית פֿון יידיש, בלע״ז וועט דאָס הייסן .Origins of the Yiddish Language

ס׳איז מיר אַ פֿרייד און אַ כּבֿוד אייך גאָר האַרציק צו פֿאַרבעטן לייענען אַ רעפֿעראַט אויפֿן סימפּאָזיום. הלוואי קענט איר קומען צו פֿאָרן!

טאָמער איר קענט אָבער ניט צופֿאָרן וואָלטן מיר געווען זייער צופֿרידן אייער רעפֿעראַט פֿאָרצולייענען אויפֿן סימפּאָזיום און אָפּדרוקן אינעם יאָרבוך וואָס וועט (מיר האָפֿן) טאַקע געבוירן ווערן אין איינעם מיטן סימפּאָזיום אויף ענגליש (הגם ביים סימפּאָזיום גופֿא וועט יעדער רעפֿערענט רעדן אויף וועלכן לשון ס׳איז אים מער ניחא).

איך טרעף זיך אָפֿט מיט ר׳ שמואל הײלען וועלכער היט אָפּ שטרענג אייער אָרטאָגראַפֿיע און דיאַלעקטישע אָריענטירונג און זיין נייער גראַמאַטיק פֿאַר פֿרומע קינדער, דער עיקר אין חסידישע מוסדות. כ׳האָב לעצטנס געהאַט די זכיה נהנה צו זיין פֿון וואונדערלעכן יידיש פֿון די קינדערלעך אין לאָנדאָנער בעלזער חדר.

איך האָף זייער אַז איר וועט זיך קענען באַטייליקן אינעם אָקספֿאָרדער סימפּאָזיום. הלוואי!

מיט פֿריינדשאַפֿט און יראת הכּבֿוד

בלייב איך אייער

דוד קאַץ